בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת ויחי
שנה ד' - גליון קמ"א
עש"ק יא טבת שנת תשע"ב לפ"ק

הדלקת הנרות
4:28
זמן מוצאי שבת
5:56
סוף זמן קרי"ש 9:05

## א רפואה שלימה פעקעלע

חשוב'ע עלטערן! מיר האבן די וואך זיך אויסגעלערנט גוט אז ווען איך הער אז איינער פילט נישט גוט דארף מען שיקן א רפואה שלימה בריוו און זיך נאך פרעגן ווי אזוי ער פילט. מיר אלע האבן טאקע געשיקט א רפואה שלימה בריוו פאר יעקב אבינו.

אויך וויסן מיר שוין אז מען דארף שיקן א ביקור חולים פעקל מיט גוטע עסן, אזוי ווי מיר אליינ'ס האבן טאקע איינגעפאקט אין חדר, א קאמפאט, א רעפטל ברויט, מיט א שטיקל קעיק, כדי דער איד זאל זיך קענען מחי' זיין. השי"ת זאל שוין העלפן אז אלע קראנקע אידן זאלן האבן א רפואה שלימה און זיין געזינט און שטארק אמן.

## ביקור חולים שפאציר!



**קינדערגארטן: די וואך** ווען מיר לערנען ווי יוסף הצדיק איז געקומען מבקר חולה זיין זיין טאטן יעקב, האבן מיר אליין געהאט די געלעגענהייט צו טוהן די געוואלדיגע מצוה פון ביקור חולים. מיר זענען אריבער געפארן צו באזוכן די עלטערע אידן אינעם **"כתר - אשל אברהם היים"**. מיר האבן אליינ'ס נישט געגלייבט ווי שטארק די אידן האבן זיך געפרייט צו אונז. מיין רבי האט אנגעהויבן צו זינגען א ניגון נאך א ניגון מיר אלע האבן הערליך שיין געזינגען. די עלטערע אידן וואס זיצן נעבעך דארט אזוי איינגעשפארט האבן מיט געזינגען און מיט געקלאטשט, זיי זענען געווארן גאר לעבעדיג! שפעטער ביים טאנצן האבן מיר זיך אלע אנגעכאפט מיט די אידן צוזאמען און געטאנצט לעבעדיג **"אזא שמייכל אויף די אידן"** ממש אויסערגעווענדליך! **ווען** מיר האבן זיי געוואונטשען זיי זאלן זיין געזונט און שטארק אין א גוטן טאג, האבן זיי זיך געבעטן צו אונז: **קומט'ס נאך אמאל קומט'ס נאך אמאל!** ביים ארויס גיין האבן די אידן אונז געגעבן א גוטע זאך און מיר האבן זיך זייער שיין באדאנקט פאר זיי מיט א יישר כח א רפואה שלימה און א גוטן טאג.

## קליינע קינדער קליינע דאגות!
## <u>עס קען פאסירן</u>

**אזוי ווי** עס איז איינגעפירט אז ווען א קינד פעלט פון חדר מער ווי א טאג צוויי, רופן די מלמדים אן צום קינד און שיקן איהם אהיים א רפואה שלימה בריוו, מיט א רפואה שלימה ביכל און נאך צוגעהערן דערצו. ובפרט ווען מען רעדט אז מען דארף שיקן **א "גוטן פעקל"**.

**עס** קען זיך אמאל מאכן אז א קינד וויל דאס אויס פראבירן, און זאגט אז ער פילט נישט גוט, און וויל נישט גיין אין חדר. באלד דערנאך פרעגט ער זיך שוין נאך: "נו מיין רבי האט שוין גערופן? **ווארט נאר באלד גייט מען עפעס שיקן א גוטע זאך! ווייל איך פיל נישט גוט!**" אויב האט איר אזא פראבלעם פארבינדט אייך מיטן מלמד מען וועט דאס אויס ארבעטן צום גוטן בעזהשי"ת.

## חכמה'לעך

**ווען יודא'לעס** מאמע רופט אים זיך אנטון שנעל זאגט ער אז ער קען נישט קומען **ווייל זיין בעטערי האט זיך אויסגעניצט און ער ארבעט נישט, מ'דארף לייגן נייע בעטעריעס...**

**יענק'לע** האט געפרעגט זיין טאטע אינמיטן זינגען די זמירות ביי די חנוכה לעכט צו דער **"תתיר" וואס מ'זאגט ביי אנא בכח מיינט מען דעם טאטן אין הימל "דער הייליגער באשעפער..."**

**ווען** מען האט געפרעגט **הערשי** פארוואס ער שרייט **הויעך די ענטפערס** ווען זיין טאטע פארהערט שבת די סדרה? האט ער געזאגט **אז אין חדר שרייט מען הויעך די מנהל זאל הערן... יעצט וויל ער זיין חדר זאל הערן...**

# ספעציעלע דאנק

מיר ווילן זיך שטארק באדאנקען אין נאמען פון אלע קינדער און מלמדים פאר הרה"ח ר' אברהם יצחק הכהן פראנצויז שליט"א פון "פראנצויז בעקעריי" פארן צושטעלן ספעציעל די וואך פאר די קינדער פון קינדערגארטן צו קענען מאכן די ביקור חולים פעקל. און אזוי אויך טוט ער אונז ארויסהעלפן ביי יעדע געלעגענהייט ווען ס'איז נאר שייך. השי"ת זאל אייך באצאלן כפלי כפליים אין זכות פון תשב"ר זאלט איר זוכה זיין צו אלע ברכות מיט געזונט און נחת, פרנסה בריווח ובניקל, מיט סייעתא דשמיא. אמן

## מזל טוב וואונטשן

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמואל ב"ר ישראל שמחה לאנדא ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' שמשון פויגעל שליט"א ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יצחק זאב ב"ר אברהם יודא לעבאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' שמשון פויגעל שליט"א ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמעון ב"ר מענדל פריעד ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל כ"ץ שליט"א ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמחה בער ב"ר שמעון סאנדער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**ליפא ב"ר נתן נטע מרדכי קויפמאן ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל כ"ץ שליט"א ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יואל מאיר ב"ר שמואל אהרן זינגער נ"י**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה נח גאלדשטיין שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אברהם מאיר ב"ר אהרן יצחק גראס ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**וואלף ב"ר חיים ברוך גאלדבערגער נ"י**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שלמה בן הרב אברהם יושע העשיל באב"ד נ"י**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמואל זנוויל ב"ר דוד שלמה לאוב נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי בנימין כהן שליט"א ר' יואל שמאיע שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים אלישע ב"ר אפרים שטערן נ"י**
לכבוד זיין שוועסטער איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יואל יושע ב"ר אלעזר גרינוואלד נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים הערש ב"ר מענדל בער פאוועל נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע נעפיו
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אשר ענזיל ב"ר חיים יושע בראך נ"י**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' בן ציון ווידער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יעקב שמעון ב"ר נפתלי אלימלך ווייל נ"י**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל וואלף שווארטץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מנחם מענדל ב"ר משה סעגעדין נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמואל זנוויל ב"ר משה יואל קויפמאן נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים שמעון ב"ר מענדל הירש נ"י**
לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל כהנא שליט"א

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

## הרה"ח ר' יהודה פרענקל שליט"א

**לכבוד די געבורט פון זיין ערשטע אייניקל**

ביי זיין זון דעם חשוב'ן יונגערמאן האברך המפואר **ר' ישראל יוסף פרענקל הי"ו למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן און פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך דער ברית זאל זיין בעתו ובזמנו און מגדל זיין גרינגערהייט לתורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב ווייטער שמחה תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

**דער שלום זכר און וואך נאכט וועט פארקומען דעם ליל שב"ק אין ביהמ"ד ישראל והזמנים 142 Rodney St.**
**ווי אויך די ברית אי"ה שב"ק בשעה 11:45 אין זעלבן ביהמ"ד**